רייזל זשיכלינסקי

צו לויטערע ברעגן

לידער

ISBN:0-657-12334-X
5324

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12334

TSU LOYTERE BREGN

R. Zychlinsky

Permanent preservation of this book was made possible by Michael and Anita Goldstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

רייזל זשיכלינסקי

צו לויטערע ברעגן

צענטראל-קאמיטעט פון פוילישע יידן
אפטיילונג פאר קולטור און פראפאגאנדע
ווארשע, שעננא 60

פ אַ ר ל אַ ג „יי ד י ש = ב ו ך"

לאָדזש 1948

אידישע פאלקס ביבליאטעק
מאנטרעאל — Montreal
JEWISH PUBLIC LIBRARY

R. ŻYCHLIŃSKA
CU ŁOJTERE BREGN
(POEZJE)

Wydawnictwo «Idisz Buch»
przy C.K.Ż.wP.
Łódź 1948

Składano i odbito
W drukarni C. K. Ż. w P.
Warszawa, Tłomackie 5

דעם

הייליקן

אָנדענק

פון מיין מאַמע דבורה,

מיין שוועסטער חנה,

מיינע ברידער יעקב און דוד

און זייערע קינדער, מיין מאמעס אייניקלעך —

קדושים פון כעלמנאָ און טרעבלינקע.

*

* *

אין 1939, האַרט פאַר דער מלחמה, איז דער־שינען מיין צווייט לידער־בוך „דער רעגן זינגט“.

אַ בלוטיקער שטראָם האָט אַפּגעווישט מיין ביכל, מיין לייענער, און מיין היים אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

מיין היים — מיין ערשטע דיכטערישע וויזיע — איז אָפּגעמעקט געוואָרן, ווי אַלע אונדזערע היימען.

פוסטער, ליידיקער שטח.

נאָך קנאַפּע צען יאָר קום איך ווידער.

אין איצטיקן ביכל וויל איך ברענגען נישט נאָר דעם אָפּקלאַנג פון אומקום, פון וואַנדער און וואָגל, נאָר אויך אַ שטראַל פון האָפענונג, וועלכן איך האָב מיטגעבראַכט פון דער גאַסטפריינטלעכער רוסישער ערד און ער גייט אויף ביי די ברעגן פון אונדזער צו־געזאָגטן לאַנד.

דער מחבר

לאָדזש, מאַי, 1948.

1

יידישע אויגן

מיינע יידישע אויגן

האָב איך דען געעפנט דאָס פענצטער
פאַר דער פרילינגדיקער זון?
דער הימל,
די וואָלקנס
שווימען דען נאָך אין מיינע אויגן אַרום?

האָב איך דען געברענגט אָט דעם בלומענטאָפּ אַהיים
און וואַרט,
עס זאָל זיך אויפמאַכן די בלום?
מיך האָט מען דאָך באַגראָבן לעבעדיקערהייט!

דאָס קבר האָב איך געגראָבן מיר אַליין,
די ערד איז געווען האַרט
און געפרוירן,

24782

Montreal

דאָס קבר האָב איך געמוזט
מיט בלויזע הענט אויסגראָבן אַליין.
נאָר מיין קאָפּ שטעקט פון קבר אַרויס,
אַ פאַרשאָלטן געוויקס, וואָס קאָן נישט שטאַרבן.

מיינע יידישע אויגן
טרינקען אַלע פאַרבן.
מיינע יידישע אויגן,
אָפּענע,
קוקן פון די קברים אַרויס
און ווילן נישט שטאַרבן.

גאט האט באהאלטן זיין פּנים

אַלע וועגן האָבן געפירט צום טויט,
אַלע וועגן.
אַלע ווינטן האָבן געאָטעמט מיט פאַראַט,
אַלע ווינטן.
אויף אַלע שוועלן האָבן געהאַווקעט בייזע הינט,
אויף אַלע שוועלן.
אַלע וואַסערן האָבן פון אונדז געלאַכט,
אַלע וואַסערן.
אַלע נעכט זענען פעט געוואָרן פון אונדזער שרעק,
אַלע נעכט.
און די הימלען זענען געווען נאַקעט און ליידיק,
אַלע הימלען.
און גאָט האָט באַהאַלטן זיין פּנים.

פון אַ וואָלקן

פון אַ וואָלקן קוקט אויף מיר די מאַמע
מיט פאַרבלוטיקטע אויגן –
טאָכטער, פאַרבינד מיר די ווונדן.
איר גרויער קאָפּ איז געבויגן.

מיין שוועסטער וויינט צווישן די בלעטער
פון אַלע גרינע ביימער:
מיין מיידעלע, מיין טאָכטער ווו איז?
רייזל, קלויב צונויף אירע ביינער.

מיין ברודער שווימט אין די וואַסערן
טעג, וואָכן, יאָרן.
אַ שטיין איז צוגעבונדן צו זיין האַלדז.
דער הימל לויכט מיט בלויע טרערן.

מיין שכן וועקט מיך אין די נעכט:
מען האָט מיך געהאָנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ.
נעם מיך אַראָפּ פון דער תּליה — הייב מיך אויף.
אָ, ווי עס טוט וויי יעדע האָר אויף מיין קאָפּ.

מאַי, איך גיי אַרום צווישן שאָטנס
מיט מיין קליינעם זון אויף די הענט.
אַזויפיל לעבנס פאַרשניטענע קלאַמערן זיך
צו מיר, צו מיינע ווינקלען, צו מיינע ווענט.

אַזויפיל לעבנס פאַרשניטענע ציטערן
אויף די לאַנגע וויעס פון מיין קינד,
אַזויפיל לעבנס פאַרשניטענע קלאָגן
אין מאַי, אין פרילינגדיקן ווינט.

קאַזאַן, 1943.

אַ יידיש קינד

אַ יידיש קינד ליגט באַהאַלטן אויף אַ בוים.
אָ, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ!

עס בלאָנדזשעט אין וואַלד,
עס יאָגן אים שדים.
אָ, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ!

עס איז נעבן טייך —
דאָס וואַסער איז גרין.
אָ, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ.

עס רעדט צו די פיש,
עס שווייגן די פיש.
אָ, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ.

מיין שוועסטער חנה

אויפן גרינעם גראָז,
הינטערן הויכן באַרג
בלאָנדזשעט אַרום מיין שוועסטער חנה.
איך רוף זי אין די נעכט:
— שוועסטער מיינע, קום.
ענטפערט זי גאָרנישט —
עס רוישן די קאַשטאַנען.

אויף אַ קילן וואַלקן,
אין אַ בלויער שיף
שווימט אַרום מיין שוועסטער חנה.
איך רוף זי אין די טעג:
— שוועסטער מיינע, וואַרט.—
ענטפערט זי גאָרנישט —
און שווימט אַוועק פון דאַנעט.

נאָר אָפטמאָל וויינט דער שפּיגל.
איך קוק אַריין דאָרט טיף
אין די אומעטיקע אויגן
פון מיין שוועסטער חנה.
די האָר זענען שוין גרוי —
ניין, דאָס איז דאָך אַש,
ווייסער גרויער אַש
פון מיין שוועסטער חנה.

ס'איז בלייך געוואָרן דאָס גראָז

ס'איז בלייך געוואָרן דאָס גראָז.
דער הימל איז קאַלט.
מיין ברודער דוד,
איך זוך דיך מער נישט אויף דער ערד.

איך וועל איצט נאָר וואָלקנס באַגלייטן
לאַנג מיט די אויגן.
איך וועל דיך איצט זוכן, מיין ברודער,
אין האַרבסטיקן שווייגן.

איך גיי מיט מיין קינד איבערן ליימיקן פעלד
און וואַרט אויף אַ קאַלטן רעגן
איבער די פאַרבלוטיקטע וועגן.
אָ, זאָלן קומען די האַרבסטיקע נעכט!

לאָדוש, סעפּטעמבער, 1946.

צו מיין קינד

מיין קינד קלאַפּט מיט פאַרמאַכטע וויעס
אין די טויערן פון דער וועלט.
ס'איז חודש יאַנואַר.
די ווערבעס ציטערן אין פראָסט,
און עס ברענט די צעשטערנטע קעלט.
עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון מיין קינד:
עפן מיר, עפן!

ביים ראָג פון אַ גאַס האָב איך זיך
מיט דער אַכטער לבנה געטראָפן.
מיט מיינע יידישע אויגן
קוק איך דער לבנה אין פנים אַריין:

— קינד, דאָס בלוט אין דיינע אָדערן איז ריי[illegible]ער זאַפט
פון טרויער און פיין.
ער האָט זיך געלייטערט ביי די טייכן פון בבל
און ביי די ברעגעס פון ניל —
האָט מיין מאַמע אין אַ שטעטל פון פוילן
געדאַווענט און געוויינט
אין אַ שול.
די שול איז געווען פון האָלץ
און געשמעקט מיט זעקס הונדערט יאָר.
די ביינער פון די ציידעס אין די קברים
האָבן דערנעבן געלויכטן אין טאָל.
די שול איז פאַרברענט,
דער טאָל צעטראָטן,
וועסט דאָרט מער נישט געפינען קיין קברים
און נישט קיין בלאָנדזשענדיקן שאָטן,

נאָר אַ ווינט לויפט אַרום, ווי אַ יתום,
און לעקט די פאַרבלוטיקטע שטיינער.
אין די שטובן איז שוין קיינער נישטאָ,
נישט געבליבן איז דאָרט קיינער.

כ'שטעל פּאַמעלעך די טריט,
איך גיי לייכט אַזוי ווי אַ שטראַל,
ווי אַ וואנדערער אין וויסטן מדבר,
וואָס האָט געפונען אַ וואַסער־קוואַל.

מיין קינד קלאַפּט מיט פאַרמאַכטע וויעס
אין די טויערן פון דער וועלט.
דער הימל איז נאָך פול מיט שטערן און הבטחות,
ווי אַמאָל איבער יעקבס געצעלט.

קאַזאַן, 1943.

הארבסט

מאַמע – זאָגט מיין קליינער זון
און נעמט מיטביידע הענטלעך מיך אַרום.
אין דרויסן איז שוין האַרבסט,
די בלעטער פאַלן אַראָפּ פון בוים.
און איך הער ווי ס׳ווערן האַרט
די ווייכע ביינדלעך פון מיין קינד.
מיר גייען ביידע אין גאָרטן
און קלויבן די בלעטער ביים ווינט.

* * *

שלאָפט מיין קינד ביינאַכט אין בעטל,
איינגעהילט און איינגעטוליעט.
קומען טויזנטער פאָר שיך
צו מיין טיר אָן מיט אַ שטורעם,
קלאַפּן קנאַפּל אין די ווענט,
קלאַפּן קנאַפּל אין דער בריק.
ס׳גייען, ס׳גייען שיך פון גריבער,
ס׳קומען שיך פון מיידאַנעק.
און נאָך יעדער פאָר שיך
ציען זיך נאָך לאַנגע וועגן.
זיי וויקלען זיך מיין האַלדז אַרום,
נאַס פון בלוט און פון רעגן.

ס׳איז מיין שטוב שוין פול מיט שיך,
די שיכלעך פון מיין קינד וויינען.
איך זוך זיי אין דעם באַרג אַרום,
נאָר איך קאָן זיי נישט געפינען.

מאַריופּאָל, 1944.

ווייט, ווייט איז דאס שטעטל

ווייט, ווייט איז דאָס שטעטל
אונטער שנייען געדיכטע און שטילע.
די ווערבעס, וואָס האָבן מיין שלאָף באַוואַכט,
חלומען זיך מיר יעדע נאַכט.

מן־הסתּם האָבן זיי זיך נאָך מער איינגעבויגן
איבערן שמאָלן טייך,
ווו איך פלעג אַ באָרוועסע מיט די ווינטן,
מיט די וואָלקנס ריידן הויך.

פלעגט וואַרטן די מאַמע אויף דעם וואַסער,
אַ שעה און נאָך אַ שעה –
נאָר דער טייך האָט געזילבערט, געזילבערט,
און דער קרוג איז געווען בלאָ.

קי זענען געקומען צום וואַסער
און געטונקען די שווערע קעפּ.
זייער טונקל פאַרנאַכטיק געשריי
האָט די ווייטע שטערן געוועקט.

ווייט, ווייט איז דאָס שטעטל, –
אַ געל בלעטל פון דער מאַמעס סידור –
די ווערבעס, וואָס האָבן מיין שלאָף באַוואַכט,
חלומען זיך מיר יעדע נאַכט.

קאַזאַן, 1943.

לידער פון מיין היים

געווידמעט די 3030 קדושים פון מיין
היים־שטאָט גאָמבין, וואָס זענען אומגע־
קומען אין די גאַז־קאַמערן פון כעלמנאָ
אין אַפּריל 1942.

1

איך וויל נאָכאַמאָל דאָ גיין
איבערן גראָז
און וויינען אויף דער ערד,
פאַר דעם הימל
און פאַר דעם ווינט,
וואָס ווייעט פאַר מיין פּנים.
איך מעסט נאָכאַמאָל אויס דאָס אומגליק
אויף אָט דעם שטיקל ערד,
וווּ ס'איז אַמאָל געשטאַנען מיין שטוב.
די טיר איז נישטאָ,
און די מאַמע —
זי וועט מער נישט אַהיימקומען
אַ פאַרשניייטע
מיט אַ בלויען קרוג מילך אין דער האַנט
און מיט אַ בלויער וועלט
אין די אויגן.
די פענצטער זענען נישטאָ,
און די זון
וועט מער נישט וואַנדערן
פון וואַנט צו וואַנט,
פון ווינקל צו ווינקל

און אויסצויבערן מיר
אַ גרינע קאַץ
אויף אַ בענקל.
נאָר די ווערבעס ביים טייך
זענען דאָ.
מיין טרער פאַלט אַריין אין דעם וואַסער
און צעשטערט אויף אַ ווילע
זייער רו.

2

פאַלן, פאַלן געלע בלעטער.
אַ מעשה בלאָנדזשעט אַרום אויף די וועגן,
אַ מעשה וועגן מענטשן צונויפגעטריבענע אויף אַ פעלד –
ס'האָט געגאָסן אַ פרילינגדיקער רעגן.

דריי טויזנט יידן אָן וואַסער, אָן ברויט,
פיר לאַנגע פרילינגדיקע מעת־לעתן.
קליינע קינדער האָבן געוויינט פאַר די שטערן –
זיי האָבן געוואָלט עסן.

פון קינדערישן געוויין זיינען טונקעלער
נישט געוואָרן די וועלדער אַרום.
אָט זענען זיי, די גרינע וועלדער,
די וועלדער פון מיין היים.

דער טיפער בלויער הימל
איז נישט אַראָפּ מיט אַ פייער פון דער הויך...
אויפן פעלד פיטערן זיך קי.
אַ פאַסטעכל בראָט קאַרטאָפל ביי אַ רויך.

וואָס זוך איך נאָך דאָ אין דעם שטעטל?
עס באַגעגנט מיך די דזשאָבאַטע סטאַשע.
זי לעבט, זי שפּאַצירט נאָך מיט זעלנער,
איז שיכּור און ווי שטענדיק נישט געוואַשן.

ווער רופֿט מיך דאָ אויף דעם פֿעלד,
ווער קען דען דאָ מיך, מײַן נאָמען?
אַ דאָרן ברענט אויף דעם פֿעלד –
ליבעלע שרײַט פֿון די פֿלאַמען.

איך טו אויס מײַנע שיך און גיי צו
צו דעם קלײנעם זון פֿון מײַן שײַן;
זײַנע הענטלעך זענען שוין שוואַרץ,
נאָר די אויגן זענען נאָך אָפֿן.

– – – – – – – – – – – – –

איך גיי אַוועק פֿון דיר, שטעטל.
דײַנע וועגן זענען פּונקט ווי אַמאָל.
וועסט ווײַטער פּראַווען האַרבסטן, ירידים,
און דער טײַך וועט פֿליסן אין טאָל.

גאָמבין, אָקטאָבער 1946

אינמיטן דער וועלט

ברייט און גרויס איז דאָס פעלד.
האָט אַמאָל דער ווינט אַ קערנדל פאַרלוירן
אינמיטן דער וועלט,
אינמיטן דעם פעלד,
רוישן טאָפּאָלן דאָ דריי.

אַרום און אַרום בערג,
בלויע, פעלזיקע בערג.
פיאָלעטענער שניי.

דאָ האָבן יידן געלעבט
אַ ריי נאָך אַ ריי.
די לעצטע פון אַ דור
פאַרשטיינערטע פון צער.

פונדערווייטנס האָט געפינקלט די שטאָט.
קלויסטער־שפיצן,
טורעמס.
פאַרפאַלן, פאַרפאַלן –
געררישט האָבן שלאַנקע טאָפּאָלן
צו פאַרבלוטיקטע אָרעמע פיס.
עס האָבן געשוויגן די בערג.
איצט שווייגן די ליידיקע באַראַקן
צופוסנס די בלאָע בערג.
און עס שווייגן די קברים –
קליינע בערגלעך
פאַרוואַקסענע מיט גראָז
נעבן טאָפּאָלן דריי,
וואָס אַמאָל האָט דער ווינט זיי פאַרזייט
אינמיטן אַ פעלד
אינמיטן דער וועלט.

מיר לעבן ווייטער

מיר לעבן ווייטער אויף אָט דער ערד,
וואָס האָט איינגעזאַפּט אונדזער בלוט און טרער.
ס׳וועט זיין אַ גרינער פרילינג...
ביינער אונזערע צעמאָלענע אויף אַש.

מיר לעבן ווייטער, אַ הייפעלע געבליבן אויף קדיש.
מיר עסן ברויט פון די פעלדער און טרינקען וואַסער פון קוואַל.
און די זון איז בּאַרעמהאַרציק, זי רירט אונדז אָן מיט אַ שטראַל.
מיר פירן אונדזערע קינדער ביי די קליינע הענט
פאַרביי אָפּגעווישטע היימען, חרובע ווענט,
פאַרביי וויסטע אינדזלען פון טויטע קינדער־יאָרן.
דער ווינט הוליעט דאָ פראַנק און פריי אַרום.

מיר לעבן ווייטער, עס פאַלט אויף אונדז אַ שניי,
מיר טרעפן ווייסע ביימער, יאָ, מיר זעען זיי.
מיר טרינקען די דעמערונג מיט גרויסע טונקעלע אויגן
און ריידן שטומע רייד צו קליינע גרויע פייגל.

א שטיקל ערד

קויפט, קויפט, טייערע שכנים,
קויפט דאָס שטיקל ערד.
ביליק, חצי־חנם!
איר וועט זיך דאָ אויפבויען אַ הויז,
אויסגראָבן אַ ברונעם
און אַ גאָרטן פאַרפלאַנצן
הינטערן פענצטער.
עס וועלן אייך נישט שרעקן קיין געשפענסטער.
מיין מאַמע וועט נישט קומען פון גאַז־קאַמער צוריק.
אירע אייניקלעך אויך נישט.
און איך וועל אויך נישט קומען מער אַהער
מיט מיין טרער.
איך נעם נאָר בלויז אַ שטיין פון דאָ –
מיין מאַמעס פוס האָט אויף אים געטראָטן.
אין פרעמדע פאַרוואָגלטע נעכט
וועט ער זיין מיר אַ קישן צוקאָפּנס.
קויפט, שכנים, קויפט.
קויפט דאָס שטיקל ערד!
דאָס אָרט, וווּ ס'איז מיין וויג געשטאַנען,
וועל איך מיין קינד נישט ווייזן.
און אויך די ווערבעס נישט,
וואָס האָבן מיך אין שלאָף געוויגט.
אַזויפיל ימען נאָך
באַדאַרפן מיר אַריבערשפרייזן –
און טרוקן
דאַרף זיין דאָס אויג
און אונדזער פוס.

גאָמבין 1948

אינדערפרעמד

ס׳איז נישט מיין פענצטער,
איז עס אויך נישט מיין ביסל שניי.
אין פרעמדן הויז
וואַך איך
אין אַ פרעמדער נאַכט.
אין פרעמדן לאַנד
בעט איך
צו אַ פרעמדן גאָט.

פון וואַנעט?
ווּהין? —
שרייט אַ שטערן פון הימל
טיף.
נאָר איך שווייג,
ווי עס שווייגט
אַ פאַרבלאָנדזשעטער בריוו.

דאָ האָבן דייטשן געלעבט...

דאָ האָבן דייטשן געלעבט
אין אָט־אָ־די שטיבער —
עס וויגט זיך, עס וויגט זיך די ערד
איבער ליימיקע גריבער.

עס האָבן דאָ דייטשן געטרונקען
ווייַן פון די זילבערנע בעכער —
בלייכן זיך ביינער אויף פעלדער
מיט טיפע אויגן־לעכער.

אַזוי האָט דער זייגער געשלאָגן
די לאַנגע קלעפּיקע שעהן,
ווען מיין מאַמע האָט אין גאַז־קאַמער פאַרמאַכט
אירע גוטע אויגן די בלאָע.

אַזוי האָט דער ווינט דאָ געווינטשלט
ביים פענצטער די זיידן־גאַרדינען,
ווען אין די געטאָס פון פוילן
איז בלוט אויף די גאַסן גערונען.

עס האָבן דאָ ביימער גערוישט
אין גרינע אַלייען און גאַסן,
ווען מע האָט פון מענטשלעכע לייבער
געשניטן לעבעדיקע פּאַסן.

דו האָסט דאָ, רעגן, געכליופּטשעט
אין ברייטע לאַנגוויילּיקע הייף,
ווען קליינע יידישע קינדער
מע האָט צעריסן אויף צוויי.

וואָס האָסטו נישט גערעגנט מיט שטיינער,
רעגן, מיין טייערסטער פריינט?
מיט שוועבל פאַרוואָס האָסטו נישט גערעגנט
דאָ איבער דייטשישע שטעט?

פאַרוואָס האָסטו, ווינט, נישט געאָטעמט
מיט מדברישן אָטעם, מיט הייסן?
פאַרוואָס נישט פאַרטרונקען אין פלאַמען
די געמיטלעכע שטיבער, די דייטשישע?

שלעזיען 1946

ברענג מיר דאס בלוט
פון דעם שונא

ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער.
מיינע אויגן לויפן דיר אַנטקעגן און די טייכן.
ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער,
וועט אונדז פריילעכער ווערן פון דעם רויטן צייכן.

ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער.
ס׳מעג זיין שוין פאַרטריקנט, ס׳וועט לעשן מיין האַרץ.
ס׳וועט לעשן די שנאה, וואָס ברענט אין מיינע אויגן,
און מיינע גרויע האָר וועלן צוריק ווערן שוואַרץ.

ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער,
וועל איך קושן דיינע הענט לאַנג און פרום.
ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער,
און איך וועל דיר שענקען די רויטסטע בלום.

די פידל

נאַכט. איבער שאָטנס פון נאַקעטעביימער
שפּאַן איך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.
ווינט און געלע לאַמטערן, און איבערן קאָפּ הענגט אַ הימל
מיט מיליאָנען קאַלטע שטערן.
פון בלוט און פון בראַנד
עס שווימען אונדזערע שיפן אויף ימען
צום צוגעזאָגטן ברעג פון אַ לאַנד.
און וואָס נענטער די שיף קומט צום ברעג,
אַלץ אומרואיקער וואַרפט זיך דער ים,
די ערד פאַרשווינדט ווי אַ מיראַזש,
און דאָס האַרץ איז אַ בעכער מיט סם.
דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פאַרשווינדט
מיט אַלע בערגלעך און טאָלן.
געבליבן איז אונדז נאָר די פידל,
וואָס דוד האָט אויף איר געשפּילט פאַר שאולן.
געזאַלצן זענען די וואַסערן,
און די ערד, וואָס פאַר אַ טעם האָט די ערד?
דורות לאַנג האָט די פידל געוויינט,
איצט בלאַנקט אין אונדזערע הענט די שווערד.

2

רויטע שטערן

ווארשע 1939

די נאַכט איז קאַלט און ווייס,
פון צפון רוקט זיך אָן דאָס גרויסע אייז.
דאָס לאַנד איז טויט.
ס'איז אויסגעגאַנגען אין פאַרגלייזטע אויגן
פון טויטע פערד,
אין לעצטע פלאַמען
פון ברענענדיקע הייזער.
דער לעצטער זעלנער האָט אויסגעטאָן
זיין שווערד
און צוגעפאַלן מיטן פנים צו דער ערד.
דער שונא טרעט אַריין מיט האַרטע טריט.
דער שונא גייט אַריבער טייכן בלוט.
דער שונא טרעט אַריין מיט האַרטע ציין

און דונערט:
עס זאָל געשען
און עס זאָל זיין!
און אַ טויב מיט אַ הונט טרעפֿן זיך
ביים בויך פון אַ טויטן פערד.
דעם הינטן האָט שוין לאַנג אויפגעגעסן
דער מענטש.
אַ בלינדע, אָפּגעברענטע קאַץ
וויינט יאָמערלעך און וויינט,
נאָר ס'הערט זי קיינער נישט
אין אָט דער שטאָט.
נאָר ס'הערט זי קיינער נישט!

וואַרשע, אָקטאָבער 1939
נאָך דער קאַפּיטולאַציע

מאמעס

וואָלקנס זענען איינגעטונקען אין בלוט,
איבער די שלאַכט־פעלדער ווערט נאַכט –
איך בין אַוועק פון מיין היים,
אַוועק – און די טיר נישט פאַרמאַכט.

די וואָלקנס זענען גרויע מאַמעס:
די האָר צעשויבערט, די הענט פאַרבראָכן;
זיי בייגן זיך איין איבער דערהרגעטע זין –
זענען די אויגן ביי די זין אויסגעשטאָכן.

שווימען וואָלקנס אין די הימלען
שוין טויזנטער יאָר מיט מאַמעשן צער.
די שלאַכט־פעלדער ווערן פאַרוואַקסן מיט גראָז
און פאַרגיסן מיט בלוט זיך אויפסניי.

וועט די ערד ווערן אַ שטיין,
האַרט פון בלוט און זאַט פון געשריי.
אויסטריקענען וועלן די טייכן
און די זילבערנע ווערבעס איבער זיי!..

– – – – – – – – – – –

ווען אויף שלאָפנדיקע שטעט פאַלן באָמבעס
און דערהרגענען הייזער און מענטשן,
גייט איבערן פעלד אַ שוואַנגערע פרוי
און בעט דעם הימל ער זאָל מיט אַ זון זי בענטשן.

דאָרט, ווו די סוויאַגע...

דאָרט, ווו די סוויאַגע פאַלט אַריין אין דער וואָלגע,
איז דיין בלוט אַריין אין מיין לעבן.
איך וויל וווינען דאָ אין דעם דאָרף
אין אַ כאַטע צווישן גרינע קליאָנען
און קלויסטערן אַ סך.
זאָל קילן מיינע מידע פיס
דער הייליקער סוויאַגע־טייך.
דער טייך וועט זיך פאַרדרייען אַרום אונדזערע טעג.
דאָ וועל איך מיין קינד געבוירן.

שטילע שינעלן

שטילע שינעלן,
שינעלן פון זאַמד־קאָליר,
שינעלן פאַרבלוטיקטע,
שינעלן פאַרברענטע,
אויף וואָלגישע ברעגן!

אָ, שטאָט ביי דער וואָלגע,
האַרץ פון דער וועלט!
דער נאַקן פון דיין פאָלק
אין באַריקאַדן אויפגעשטעלט.

יעדעס הויז אַ באַסטיאָן,
~~אין יעדער גאַס — אַ שלאַכט!~~ יעדע גאַס איז אַ שלאַכט.
שטאָט ביי דער וואָלגע,
שטאָט סטאַלינגראַד!

אַרמייען אין שינעלן,
שינעלן פון זאַמד־קאָליר
אונטער אָקטיאַבערישע הימלען –
דאָס ליכט זייט איר!

אָקטאָבער 1942

אסטראכאנער נעכט

דאָ זענען שטערן גרויסע, קלאָרע,
זיכער פינקלען זיי אין ווייסע נעכט באַזונדער:
מיר וועלן זיגן, ביי אונדז וועט זיין דער זיג,
שלאָפן רויק איין אין אַסטראַכאַן די קינדער.

ביימאָג רייסן דאָ ווינטן אַרום איבער די זאַמדן,
פאַרשיטן דיר די אויגן, פאַרמעקן דיינע טריט.
אין די אָוונטן לייגן די ווינטן זיך שטיל צו דיינע פיס
און בעטן, גייען אויס נאָך אַ גלעט פון דיינע הענט.

און די וואָלגע, די טאָכטער, וויל מע זאָל זי גלעטן,
קושן, צערטלען אין די ווייסע נעכט.
ביי טאָג האָבן פרויען זיך געבאָדן אין אירע וואַסערן
פאַרבענקטע נאָך די מענער, וואָס זענען אויפן פראָנט אַוועק.

גרינאויגיקע פישער שווימען אַרום אין קליינע שיפלעך,
זיי זינגען לידער און כאַפן פיש פאַר דער רויטער אַרמיי,
שווימען זילבערנע קאַרפּן אַליין אַריין אין די נעצן
און די שווייגנדיקע העכט זענען אויך דאָ מיט זיי.

דאָס פּנים פון אַלטן טאַטער איז ברוין און צעקנייטשט.
און די קנייטשן זענען פול מיט גלויבן און מיט זיג.
טראָגט ער זיין פּנים אין די ווייסע נעכט
צו יענער זייט טייך דורך דער שמאָלער בריק

דאָ זענען די שטערן גרויסע, קלאָרע,
זיכער פינקלען זיי אין ווייסע נעכט באַזונדער:
מיר וועלן זיגן, ביי אונדז וועט זיין דער זיג.
שלאָפן רויק איין אין אַסטראַכאַן די קינדער.

אַסטראַכאַן, סעפּטעמבער 1941

מיין קינד

מיין קינד שפּילט זיךביים ים.
צו זיינע קליינע פיס
קרויזלט זיך די צייט
מיט אַ פריילעכן שוים.
די קליינע שטיינדלעך פליען אַרויס
פון זיינע הענט
מיט אַ העלן פּליוסק
און צעשפּריצן דאָס וואַסער
אויף טויזנט קליינע זונען.
מיין קינד שפּילט זיך ביים ים.

מאַריופּאָל, 1944.

טאַניע

אַרומגעוויקלט אין קאַלטע ווינטן,
איינגעהילט אין צעשטערנטע נעכט,
איינגעטוליעט אין ווייסע פרעסט,
שלאָפט טאַניע אונטער אַ בערגל ליכט.

לאַנגע טעג איז זי געהאָנגען אין ווינט
און לאַנגע נעכט זיך געוויגט אויף דער תליה.
דער שניי האָט פאַרדעקט אירע פאַרפרוירענע אַקסלען,
אין די פאַרנאַכטן האָט זי געברענט אין דער שקיעה.

דאָ האָט מען באַגראָבן די פאַרטיזאַנקע, –
דאָס יונגע מיידל מיט די שטאָלצע ברעמען.
פון בערגל ערד וואַקסט אַרויס איר האַלדז,
איר שטאָלצער קאָפּ וואַקסט אַרויף אין די רוימען.

דאָ וועלן אין פרילינג קנאָספּן אירע ליפּן,
צעריסענע, צעפּלאַצטע, צעביסענע ביז בלוט.
דאָ וועלן אין פרילינג קנאָספּן אירע ליפּן,
פאַרזיגלט מיט דעם נאָמען, וואָס איז שטאַרקער פון טויט.

און ווען פאַרטיזאַנען אין טיפע שנייען
טראָגן דעם טויט דעם שונא אין רוקן –
פירט זיי פאָרויס די טויטע טאַניע,
צינדט זי אָן דאָס פייער אין זייערע בליקן.

און ווען אונדזערע אויסשפּירער פאַרלירן דעם וועג
אין וויוגעס ביינאַכט, דעם וועג צוריק,
הייבט זיך אויף טאַניע פון אונטערן שניי
און פירט זיי דורך אַ שטיל וועלדל צוריק.

און שלאַנק איז איר קערפּער, מיידלעריש דין,
זי שוועבט אויפן שניי, זי שפּרינגט אין דעם ווינט,
ציען די קעמפער נאָך איר אויס די אָרעמס,
בלייבט נאָר איר בלויער שאָטן אין זייערע הענט.

נאָר אַ שטילער ווינט גלעט זייער פּנים,
נאָר דער שניי צעגייט מיט אַ טרער אין זייער ברעס,
און טאַניע איז ווייט שוין, זי ווינקט פון אַ שטערן,
זי הענגט אויף די צווייגן פון אַ ווייסן בוים.

שאָרכט דער שניי אונטער מיליאָנען פּיס,
עס גייען אַרמייען, עס גייען באַטאַליאָנען,
און טאַניע איז דאָס העלע, וואָס גלאַנצט אין זייערע אויגן,
דאָס בלוט פון איר האַרץ רוישט אין זייערע פאָנען.

קאַזאַן, 1942

ווינט א פרוי

ווײנט אַ פרוי בײנאַכט אין דער פינצטער,
אין דער שוואַרצער שטאָט איז אַפּריל.
איך שטעל זיך אָפּ אין מיטן דער גאַס,
ס'איז פינצטער אַרום און ס'איז שטיל.

די פרוי פאַרגײט אויף דער צווײטער זײט גאַס,
מען הערט שוין מער נישט קײן טריט.
נאָר אין דער פינצטער הענגט נאָך איר געוויין —
עס גײט נאָך אַרום אין מײן בלוט.

פרוי, ווער ביסטו? כ'האָב נישט געזען דײן פּנים.
און כ'וועל קײנמאָל מער נישט אָנען דײן געזיכט.
שטעל זיך אָפּ אַ רגע, בלײב שטײן אַ ווײלע.
הינטער אַלע שוואַרצע פענצטער איז ליכט.

אפשר ביסטו פון אוקראַינע געקומען,
און די כוואַליעס פון דניעפּר גײען נאָך דײנע טריט.
אפשר רױשן ווײסרוסישע וועלדער
אָן אױפהער שאַרף אין דײן געמיט?

נאַכט איז אַרום, דער שוואַרצער הימל
הענגט איבער אונדז מיט מיליאָנען שטערן.
וויש אויס די אויגן, הײב אויף דעם קאָפּ.
שוועסטער, נישט פאַר דיר פאַסן די טרערן!

גײ ווײטער פאַרויס, טראָג שטאָלץ אויף דײן פּלײצע
דאָס אײגענע אומגליק און דעם גרויסן עול.
זאָג הויך אין דער פינצטער די נעמען פון אונדזערע שטעט:
מאָסקווע, קיעוו, לענינגראַד, סעוואַסטאָפּאָל.

קאַזאַן, 1942.

צו א רוסישער באַבושקע

באַבושקע, וואָס טוסטו?
דו שטריקסט אַ זאָק?
דער האַרבסט איז שוין דאָ
און די קאַמפן גייען ביי מאָזדאָק.

פאַר וועמען שטריקסטו דעם זאָק?
פאַר דעם קעמפער פון מינסק?
ניין, ס׳איז פאַר דעם יתום,
וואָס איז געקומען פון סמאָלענסק.

באַבושקע, דעם ווינט
איז קאַלט צווישן די בלעטער –
ס׳איז געפאַלן אויפן שלאַכט-פעלד
דיין אייניקל מיט זיין פאָטער.

באָבעשי, דו האַלטסט
אַביסל ערד אין דיינע הענט –
דו פילסט, ווי זי שמעקט
מיט האַרבסט און מיט ווינט?

אונדזער ערד איז אייביק,
ווי דער הימל, ווי דיינע אויגן;
ווי די פייגל, וואָס זענען
איבער אונדזערע קעפּ געפלויגן.

און קיינער וועט נישט צוימען
אונדזער גאַנג איבער איר,
אונדזער פּלי, אונדזער זיין –
באָבעשי, איך שווער עס דיר!

קאַזאַן, סעפּטעמבער, 1942.

רויטע שטערן

פרעמדע מענטשן זענען געקומען אין דאָרף,
מיט רויב אין די אויגן,
מיט מאָרד אין די הענט.
זיי צינדן אונטער דעם טאָג,
די רו,
זיי צינדן אָן יעדעס שטיבל,
יעדעס הויז.
עס ברענט!
עס ברענט!
בעט זיך אַ שטיבל ביים ווינט:
צעבלאָז נישט דעם פלאַם!
בעט זיך אַ כאַטע ביים שניי:
פאַרשיט מיך,
פאַרוויי!

קוקט זיך אַ הייזל די אויגן אויס:
ווו זענען די קינדער,
וואָס האָבן געשפּילט זיך אויף מיינע שוועלן,
די טעכטער ווו זענען די שיינע,
די שלאַנקע זין ווי טאָפּאָלן?
קינדעריש געוויין אין אַ וויג
האָט טיף מיינע ווענט דערשיטערט,
זענען קינדער געשלאָפן און געוואַקסן אין לאַנגע נעכט,
און איך האָב זיך מיט זייערע חלומות געפּיטערט.

רייסט זיך אַ שטיבל די ברענענדיקע האָר:
ווּ איז מיין באַלעבאָס?
פאַרוואָס ברענגט ער נישט פון ברונעם קיין וואַסער?
פאַרוואָס לעשט ער נישט מיינע בראַנדן, פארוואָס?
נאָר ער ליגט טויט נעבן זיין הייזל.
אומזיסט וואַרט אויף אים דער ברונעם,
דער שניי ווערט רויט פון זיין בלוט
און פון די שרפות אַרום און אַרום.

רויטאַרמייער האָבן באַפרייט דאָס דאָרף.
דער רויטער הימל ~~צעברענט~~ פֿאַרברענט.
עס גליען אין דער נאַכט רויטע שטערן,
וואָס האָבן דאָס לעבן אונדז געשענקט.

דעצעמבער, 1941

שנייען

שנייען, שנייען, און איך אינדערמיט:
אַ ווייסקייט, אַ קלאָרקייט האָט אין מיר זיך צעבליט.
איך זשמורע די אויגן, איך שטרעק אויס די הענט —
אין אַ פאַרשלאָסענעם גאָרטן זיצן ביימער אויף בענק.
די בענק זענען ווייס מיט שניי אויסגעבעט.
די ביימער שווייגן. די שטילקייט גלעט.
איך וויל אַריין אין דעם גאָרטן. איך קלאַפּ אין דעם טויער.
פאַרשנייט איז דאָס שלעסל, פאַרקאָוועט אין טרויער.

שנייען, שנייען, און איך אינדערמיט:
אַ ווינט, אַ וויוגע לויפט אַרום אין מיין בלוט.
גאַס איין און גאַס אויס איך בלאָנדזשע אין שטורעם.
פונדערווייטנס פינקלט אַ ווייסער טורעם.
אין געווירבל זע איך מיין שטעטל, מיין היים,
די קליינע פענצטער פאַרקלעבטע מיט ליים.
די בלומען וואָס האָבן אויפן פענצטער געבליט.
די שאָטנס וואָס האָבן אין די נעכט מיך באַהיט.
די בלויקייט וואָס כ'האָב מיט דער מילעך געזויגן.
די מאַמע זוך איך, אירע בלויע אויגן.

שנייען, שנייען, און איך אינדערמיט:
אונטער שנייען זענען טויטע, און אויף שנייען איז בלוט.
דאָס שטעטל איז ווייט. אינדערמיט איז דאָס שלאַכט-פעלד.
אין בלוט, אין פייער רויכערט די וועלט.
און דאָ וווּ איך לעב — און דאָ וווּ איך אָטעם
גייען צו פראָנטן רויטע שבטים.
זיי גייען אין שטורעם, זיי קומען אָן אין זאַווייִ —
טריט אויפן שניי, טריט אויפן שניי.

ס'באַגלייט זיי דאָס דינע געוויין פֿון אַ קינד.
עס רינט איבער פעלדער. עס ציטערט אין ווינט.
עס פליסט אין די טייכן אונטער פאַרפרוירענעם אייז,
עס שווימט מיט די וואָלקנס לאַנד איין לאַנד אויס.
מיין מאַמעס אויגן פלאַטערן זיי אַנטקעגן
פון ווייטן שטעטל מיט די פאַרפייניקטע וועגן.

שנייען, שנייען, און איך אינדערמיט.
איך גיי אויפן שניי נאָך רויטאַרמייאַישע טריט.
זיי פירן מיך ווייט אַרויס פון דער שטאָט.
ווייס זענען די פעלדער. דער הימל איז רויט.
מיין מאַמעס אויגן טרערן אומעטום:
אין די שנייען, אין די הימלען,
ווי אין אַ בעכער פון אַ בלום.

קאַזאַן, מערץ, 1942.

און אז עס פאלט אונדזערס א שטאט

און אַז עס פאַלט אונדזערס אַ שטאָט,
קומען מער נישט אָן קיין בריוו.
שטילער שפּילן זיך די קינדער,
און מאַמעס אַקסלען ווערן שיף.

פאָטאָ־קאַרטעס און אַלבומען
ציטערן אין פרויען־הענט.
מענערישע פולע אויגן
קוקן שטיל אַראָפּ פון ווענט.

נאָענטע היימישע געזיכטער
שוועבן אין דער לופט אַרום.
אַ קילע באַק צו מאַמעס שויס
באַהאַלט זיך אין די פאַלדן שטום.

עס קומען מער נישט אָן קיין בריוו,
נאָר ס'שווייגן נישט די גרויסע וועגן.
די טורעמס פון דער ווייטער שטאָט
שטייגן ארויס פון אַ בלוטיקן רעגן.

דער טאסט

רואיק שלאָפט מיין קינד אין בעטל.
ס'איז שטיל געוואָרן. עס ברענט די שטאָט בערלין.
די לעצטע שאָסן האָבן אָפּגעהילכט.
אַ גרויע מוטער וואַרט אויף אירע זין.

שמאָלע הענט. דאָס טיכל אויף דעם האַלדז פאַרבונדן,
זשמורעט זי די אויגן קעגן זון.
אַ באַלאָדענע מיט זיסן נעקטאַר
זשומט פאַרביי צוריק אַהיים אַ בין.

פון אָקעאַן צו אָקעאַן ליגט אויסגעשפרייט דאָס לאַנד,
מיט זון באַגאָסן און מיט העלער שיין.
דער פירער הייבט אַ טאָסט אויף פאַר דעם פאָלק.
מוטערלעכע טרערן פאַלן אין דעם כּוס אַריין.

מיר נעצן אַלע איין די ליפּן אין דעם ווײַן
און האָבן דעם טעם פון זיג אויף אונדזער גומען.
עס וועלן מוטערס וואַרטן אייביק אויף די זין
און זיי וועלן אין די שלאָפלאָזע נעכט צו זיי קומען.

און די מוטערס, וואָס וועלן אין לאַנגע נעכט
וואַרטן און וואַרטן אויף זייערע זין,
וועלן ווידער זייער קינדערישן אָטעם הערן
אין שאָרך פון די בלעטער, אין גאַנג פון די שטערן.

מאַריופּאָל, 9־טן מאַי, 1945

דאס ליד פון שניטער

עס שאַרפן די שניטער ביים שטיין אָן די קאָסעס,
נאָך א שטיק פעלד איז געבליבן צו שניידן.
הייבן צום הימל זיך גאָלדענע גאַרבן,
רייף איז דאָס ברויט, דאָס גאָלד און דאָס לעבן.

ווערט ליידיק דאָס פעלד. דער האַרבסט און דער הימל
וועלן דאָ הוליען גאַנצע מעת־לעתן.
ס׳וועט קומען אַ שניי און צודעקן ס׳פעלד,
נאָר דאָס ליד פון די קאָסעס וועט נישט ווערן פאַרגעסן.

און ווידער מיר וועלן ברויט דאָ פאַרזייען,
אונטער דעם שניי איז וואַרעם צו וואקסן.
עס וועט זיך דער קאָרן דאָ ווידער צעגרינען
און וואַרטן אויף שניטערס מיט סערפן אויף אַקסל.

עס שאַרפן די שניטערס ביים שטיין אָן די קאָסעס.
נאָך אַ שטיק פעלד איז געבליבן צו שניידן,
הייבן צום הימל זיך גאָלדענע גאַרבן,
רייף איז דאָס ברויט, דאָס גאָלד און דאָס לעבן.

3.

ביבליש

הגר אין מדבר

די קליינע הגר בלאָנדזשעט אַלץ נאָך אין דעם גרויסן מדבר
און וויינט.
דער מדבר איז נאָך נישט געוואָרן קלענער,
און הגר איז נישט געוואָרן גרעסער.
הינטער צוגעמאַכטע אויגן זעט זי בלויז דעם מאַן,
וואָס זי האָט ליב.
געלע זאַמדן אַרום און אַרום.
דער ווינט פאַרשיט די קליינע פרויען-טריט —
געלע זאַמדן אַרום און אַרום.
דער מדבר שלינגט דער קליינער הגרס טרערן.
די קרוג איז ליידיק. —
און אַלע מידע,
און אַלע דורשטיקע
טראָגן מיט ביידע הענט
הגרס ליידיקע קרוג.

ביבלישע נאַכט

די נאַכט איז געווען טיף און שוואַרץ.
די נאַכט איז געווען טיף אָן שטערן.
דער ווינט האָט גערוישט צווישן ביימער.
דער ווינט האָט געזוכט לאהן.
יעקב האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים
אין לאהס לייב:
— רחל, רחלע מיין ווייב!
זיבן יאָר האָב איך אויף דיר געוואַרט.
לאַנג זענען געווען די טעג.
לענגער נאָך די נעכט.
אַזויפיל קאַלטע לבנות
האָבן אַרומגענומען מיין לייב.
רחל, רחלע מיין ווייב. —
שטיל איז לאה געלעגן.
מיט דינע, ביטערע ליפּן
איז זי אַקעגנגעגאַנגען
איר זון ראובנען,
דעם בכור פון יעקבן.
די נאַכט איז שוין פול געווען
מיטן ריח פון יענע בלומען,
וואָס האָבן געוואַרט
אויף ראובנען
אין פעלד.

יצחקס ברכה

עשו איז געלאָפן פון פעלד מיט דעם געפּאַנג,
און ס'איז געלאָפן דער וואָלקן און דער ווינט.
דער באַרג איז נאָכגעלאָפן
מיט קליינע פיסלעך פון אַ קינד:
אָ, זאָל מיך אויך בענטשן
דער אַלטער פאָטער יצחק!
נאָר אַז זיי זענען אַריבער די שוועל פון דעם געצעלט,
איז שוין געשלאָפן דער אַלטער פאָטער יצחק
זאַט און מיד.
זיין זילבערנע באָרד האָט געפינקלט
אויפן טיש.
– צו שפּעט – האָט געזשומעט די פליג,
וואָס האָט געלעקט די לעצטע שטיקלעך ברכה פון דעם טעלער:
צו שפּעט.
עשו האָט געוויינט.

פון יענער זייט טיר
איז יעקב אַוועק
מיט דער ברכה –
און באַזאַלצן די ערד מיט זיינע טריט.

יוסף

יוסף איז געלעגן אויפן גרינעם גראָז
און נאָכגעשווומען אַ וואָלקן,
און נאָכגעשפרונגען
אַ האָז...

די זון האָט געוואַרעמט זיינע באָרוועסע פיס,
די זון האָט באַלויכטן זיינע בלייכע הענט.
אין די אָוונטן האָבן שטערן באַצירט
זיינע פינגער,
און די לבנה האָט געפינקלט
אויף זיין האַלדז.

האָבן יוספס עלף ברידער
זיך אויך געלייגט אויפן גרינעם גראָז.
געוואָלט נאָכשווימען
אַ וואָלקן,
נאָכגעשפרונגען אַ האָז.
נאָר די זון האָט נישט געוואַרעמט זייערע פיס.
זייערע פיס זענען געווען באַשוכט.
אין די אָוונטן האָט די לבנה זיך באַהאַלטן
הינטערן באַרג,
הינטערן וואַלד.
און ס'איז געווען אַ טאָג.
די זון האָט געברענט דעם שטיין
און דאָס זאַמד.
יוסף האָט געזוכט זיינע ברידער אין פעלד.
און יוסף האָט גערופן זיינע ברידער.

נאָר ס'איז דאָס ווידערקול געפאַלן צוריק
אויפן גראָז –
און ווי בליי
באַשווערט יוספס פיס.

דער נביא און דער רעגן

דאַר זענען געווען די אַקסלען פון דעם נביא,
זיי האָבן געציטערט
אין דער פאַרגייענדיקער זון.
און פייכט איז געווען זיין פנים,
דאָס פנים פון דעם נביא אויפן באַרג.
ביים פוס פון באַרג כּרמל
האָבן קעמלען געוואַרט
מיט לאַנגע דורשטיקע העלדזער.
ביים פוס פון באַרג האָט דאָס פאָלק געוואַרט
מיט ליידיקע בעכער און ליידיקע אויגן.
און דער מלך?
דער מלך האָט מיט צוגעמאַכטע אויגן
געגאַרט אויפן גערויש פון אַ רעגן.
און באַלד איז אויפן הימל געווען אַ וואָלקן
טונקל און גרויס,
ווי דער נביא אליהו.
און ס׳האָט געדונערט
און ס׳האָט געבליצט!
אַ רעגן האָט געגאָסן,
געליאַרעמט
און גערוישט!
מיטן נאַסן מלך אויף די אַקסלען
איז דאָס פאָלק אַנטלאָפן
אין אַ זינגענדיקן קנויל.
אויפן באַרג איז דער נביא
געבליבן אַליין
מיט אַן אָפענער ברוסט

און אַן אָפּן מויל.
די זון איז פאַרגאַנגען.
פאַרשוומען איז די לעצטע בלוטיקע כוואַליע
אין טייך קישון.

און ווידער זענען גרייט געווען די פיש
מיט בורשטינענע אויגן
צו באַגעגענען די שטערן.

דער נביא האָט מיט די ליפּן
אָנגערירט די ערד.
מיט די טרוקענע הענט
אַרומגענומען דעם באַרג.

און אַז ס'איז אויפגעגאַנגען דאָס וואָלקנדל
פון ים,
איז עס געווען ווי דעם נביאס האַנט.
איז עס געווען
ווי דעם נביאס פּיס.

שמשון

ס'איז געווען אין אַ שטילן פאַרנאַכט.
אויפן פענצטער האָט זיך געלאָשן
אַ קריגל מיט האָניק,
אויפן טיש – אַ זאַלצמעסטל מיט זאַלץ.
דלילהס קני זענען געווען ווייס און רונדיק,
און שמשונס ליפּן
גראָב און טרויעריק.
אַלץ איז שוין געווען:
דאָס ווייב,
דער לייב,
דער האָניק;
אין דרייהונדערט פוקסן אַריינגעבלאָזן פייער,
אויפן באַרג חרמון אין אַ פאַרטאָג
אַרויפגעטראָגן אויף די אַקסלען
די טויערן פון אַ שלאָפנדיקער שטאָט;
מיטן קינבאַק פון אַן אייזל
טויזנט מאַן געשלאָגן,
טאָלן געקושט
און בערג אויף די הענט געטראָגן.
אַלץ איז שוין געווען.
אָ, דו ווייב פון טאָל שורק,
זע, איך בין שטאַרק,
נאָר איך בין טרויעריק.
לייז מיך אויס!
לייז מיך אויף!
זעסט מיינע לאָקן?
נעם, שנייד זיי אָפּ!

בינד מיר די הענט,
בינד מיר די פיס!
איך וויל זיין אַזוי ווי דו,
אזוי ווי איר,
אַזוי ווי אַלע.
איך וויל מורא האָבן פאַר אַ לייב,
און כ׳וויל קניען פאַר אַ בארג!

אָ, דו ווייב פון טאָל שורק!
און שמשון האָט געקושט דלילהס קני,
און שמשון האָט געוויינט אויף אירע קני.

דער וואגאבונד

און קיין ביימל איז נאָך נישט געווען אויפן פעלד,
און קיין קרייטעכץ האָט נאָך נישט געשפּראָצט
פון דער ערד,
נאָר אַ נעפּל פלעגט אויפגיין פון דער ערד
און אָנטרינקען דעם הימל,
און נאָך אַ הימל.
אָבער דאָס פּנים פון וואַגאַבונד,
וואָס האָט מיך היינט אָנגעקוקט
אויף אַ צערוישטער גאַס –
דאָס פּנים איז שוין געווען.
די אויגן האָבן שוין געגעכטיקט אין יענע נעכט,
די אויערן
האָבן שוין געסטאַרטשעט פון דער ערד
און געפרעסן די גערוישן פון קראָען,
פון בערג
און פון גאָט.

4

צו לויטערע ברעגן

תפילה

ערד!
לאָז מיך נאָכאַמאָל דערפילן
דעם ריח פון דיינע גראָזן.
מיטן גערויש פון די ביימער
אין דיינע וועלדער
לאָז מיך ווידער שווימען
צו לויטערע ברעגן.
זאָל ווידער זיין פריינטלעך צו מיר
די שטילע, גרויע קאָרע
פון דיינע סאָסנעס.
ווייל אַלץ, אַלץ טרינקט זיך
אין אַ בלוטיקן נעפל.
די בלעטער שרייען
און די זון שטעכט –

ערד!
לאָז מיך נאָכאַמאָל דערפילן
דעם ריח פון דיינע גראָזן.

אין חלום בין איך אמאל שוין דא געגאנגען

געווידמעט מלך ראוויטשן

אין חלום בין איך אַמאָל שוין דאָ
געגאַנגען.
דער וועג האָט זיך אויסגעבויגן
צום טייך אַראָפּ.
די הויכע יאָדלעס, זיי האָבן מיך דערקענט
און ווישן מיט די שאָטנס אָפּ
דעם גרויען שטויב פון מיינע טריט.
דאָס וואַסער רוישט,
רינט
דורך אָדערן
פון בלעטער,
שטיינער,
טרייבט מיין בלוט
צו העלע ברייטע ימען.
און אָט איז דער גרויסער וואַרעמער שטיין.
מיר נעמען זיך אַרום,
ווי אַלטע גוטע פריינט
נאָך לאַנגע יאָרן פון צעשיידונג.

וועל איך זיין גרייט

ווען ס׳וועט דער וואָלקן אָנקלינגען אין מיין שויב
מיטן ערשטן רעגן-טראָפּן —
וועל איך זיין גרייט.

מיט דער זון
האָב איך שוין לאַנג געמאַכט דעם חשבון.
און די ערד —
זי דרייט זיך סיי ווי סיי.
דער פרילינג קומט שוין צו מיין שוועל
מיט דעם אָנזאָג פון די האַרבסטן.
און ווייסער פוך פון קאַרשן-בלי
דערמאָנט אין קאַלטן שניי.
עפּל צייטיקע קלאַפּן אין דער ערד אָן,
ווי אין אַ מאַמעס טיר —
שטילע רייד רעדט
דער בלעטער-פאַל צו מיר.

ווען ס׳וועט דער וואָלקן אָנקלינגען אין מיין שויב
מיטן ערשטן רעגן-טראָפּן —
וועל איך זיין גרייט.

24782

דיכטער

דאָס זילבער פון אַ ליד
שווימט אַרויס פון אַ בוך
און מיין שטוב ווערט פול מיט ווייסן ליכט.
איך עפן די פענצטער.
אַקעגנאיבער הענגט די לבנה
אַ גרויסע,
אַ ווייסע.
דיכטער,
דאָס ווייסע גראָז, וואָס דו האָסט געטראָטן
מיט אַזויפיל נעכט צוריק,
לעבט.
נאָר דו ביסט לאַנג שוין טויט,
דיין קבר איז שוין איינגעפאַלן.
דאָס קליינע בערגל האָט זיך אויסגעגליכן
מיט דער גרויסער פלאַך.
און דיינע ביינער זילבערן שוין
ווי די לבנה.
אָבער די הענט מיינע,
וואָס טראַכטן אויס דאָס ליד
זיינען גרויס און שיין.
די נאַכט איז ווייס, ווייס
און אַלע מיינע ביינער
זענען אין איר פאַרליבט.

* * *

— איז די לבנה הייס?
און אַז איך וועל איר געבן אַ פינגער
צי וועט זי אים אָפּבייסן? —
דאָס וואַרעמע הענטל פון מיין קינד
צאַפּלט אין מיין האַנט.
עס גייען שטילע ווייסע גאַסן.
פון אַ דאַך קריכט דער שניי אַראָפּ
מיט אַכט לאַנגע פיס.

— קום גיכער, מיין קינד!
איך האָב שיער נישט פאַרגעסן,
ווו אונזער שטוב איז.

בערג

בערג אויף בערג
און נאָך אַ באַרג.
אָ, חלומות מיינע טונקעלע,
נאַקעט ליגט איר
פאַר דער זון און פאַר דעם שטורעם.
און נאָר דער שמאָלער וועג,
וואָס ליגט צווישן טאָג און נאַכט
פירט אייך צוריק אַריין אין מיר.
און גרויסע שטערן
וואַכן ביי דער טיר.

ס׳איז אראפגעפאלן א שניי

1

וואָס זאָגט אונדז דער „קראַ״ פון דער קראָ
פאַרטאָג, ווען דער הימל איז גרוי?
וואָס זאָגט אונדז דער „קראַ״ פון דער קראָ,
ווען עס איז נאָך קיינער נישטאָ?

2

עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי
און אַרומגענומען די ערד
מיט אַ קילן שמייכל —
ס׳איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי.
דערמאָנען זיך די קראָען
אין דעם בלענדנדיקן ווייס פון אַמאָל
און זוכן מיט די שוואַרצע שנאָבלען.
ס׳איז אַראָפּ אַ שניי
און פאַרשיט
אַלע סמנים פון טריט.

איז אַ מענטש שוין דאָ געווען
און געטראָגן אויף די אַקסלען
די לאַסט פון גרויע הימלען?

ס׳איז געווען

איז געווען אַזאַ זומער־טאָג
אין מיין לעבן?
יאָ, עס איז געווען.
די מאַמע איז געזעסן אויפן גרינעם גראָז
און געשטריקט אַ זאָק.
טויבן האָבן געפלאַטערט איבער אונדזער נידריקן
דאַך.
דאָס וואַסער האָט געוואַרט אין ערדענעם קרוג
קאַלט און גרין.
ביים ברוגזן שכן האָבן געציטערט די עפל
אין סאָד.
ביים פענצטער האָט געזשומעט, געזשומעט
אַ גאָלדענע בין.
אָ, ווו איז דער וואָלקן
אויף וועלכן איך בין געזעסן
און געפאָכעט מיט מיינע פריילעכע
קניִ?

פאַפּירענע בלומען

איר לעבט נישט
און איר וויאַנעט נישט.
קיינמאָל וועלן אייערע בעכער
נישט אויפנעמען אין זיך
קיין שטראַל,
קיין בין,
קיין זשום.
מעג די זון פלייצן
טייכן ליכט,
מעג דער ווינט שלעפּן
פון מדבר דעם סאַמום,
איר בלייבט גלייכגילטיק
און שטום.
אומבאַרירלעך,
אומדערגרייכבאַר!
קאַלטע געטער!
ווער טרינקט אויס אין די האַרבסטן
די גרינקייט פון די פעלדער?
אייערע בלעטער,
די פּאַפּירענע!
אָ, די רויטע בלעטער אייערע,
וויפל וועלן זיי נאָך איינשלינגען
בלוטיקע זון־פאַרגאַנגען?
און נאָר דער שטויב,
דער גרויער דינער שטויב,
בייגט די קעפּ אייערע,
די בונטע
צו דער ערד.

איך הער נישט וואס דו רעדסט

איך הער נישט וואָס דו רעדסט.
די ביימער רוישן.
דער ווינט איז קיל,
ער וועט די נאַכט באַלד ברענגען
פון באַרג אַראָפּ אין טאָל.
וועסט אָנצינדן אַ לאָמפּ,
וועט אונדזער פענצטער ווערן
אַ לייכט-טורעם פאַר ווייטע שטערן.

איך וועל אַ לאַנגע נאַכט
טרינקען פון דיין האַלדז
די פרייד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט טרערן.

עס רופט א ווייטע האנט מיך

עס רופט אַ ווייטע האַנט מיך:
קום! —
פאַלן ווענט,
און ס׳קרישלען זיך די מויערן.
איך פאַרנויג זיך טיף פאַר די נאַרציזן
און פאַר די הינט
און גיי אַנטקעגן די פרילינגדיקע טרויערן.

לאָדזש, אַפּריל, 1947

אן אלטע פרוי פירט א יונגן הונט

גאָט, זיי גוט צו דער אַלטער פרוי
און צו דעם יונגן הונט!
לאָז איבער זייער פנים רוישן
אַ שטילן ווינט.
די זון איידער זי פאַרגייט,
זי וועט נאָך איינמאָל אַ גלעט טאָן
זייערע טריט.
אָ, דורך ויפל נעכט,
דורך ויפל טעג
האָבן זיי געבלאָנדזשעט,
געריסן זיך צו דיר,
צו זייער איצטיקער געשטאַלט!
וויפל רעגנס האָבן געוועקט זייערע אויגן
און וויפל טייכן האָבן געוואַשן זייערע פיס,
ביז זיי האָבן דעם היינטיקן פרימאָרגן
געלאָזן זיך צו דיר
אין זייער טאַנץ.

אקטאבער

אין אָקטאָבערריידן מענטשן
שטילער און געפּרעסט.
שווערער ווערט דאָס וואַסער,
ברייטער ווערט די קרוג.
עס טרינקט זיין שאָטן אויס
דער אַלטער בוים.
דער ברונעם שלעפּט אין דער טיפעניש
אַראָפּ,
מיך
און דיך,
צייטיקער טרוים.

אז ס׳איז מיר קאַלט

אַז ס׳איז מיר קאַלט,
טוט אויס די מאַמע אירע פּוטער־שיך
און דעקט מיך צו מיט אירע אויגן־הייטלעך,
אַז ס׳איז מיר קאַלט.

און ליב האָב איך דאָס ברויט,
וואָס די מאַמע באַשיט זיך מיט זאַלץ —
איך עס דאָס אויף,
און ס׳איז געזאַלצן.

נאָר ווען איז דאָס געשען ?
דער הימל האָט זיך פאַרוואָלקנט,
די מאַמע איז אַלט.
און באַלד וועט זי דערזען
די חרובֿע ווערבע ביים וועג.

אין די פֿאַרנאַכטן בלייב איך שטיין
מיט ליידיקע הענט.
דער מאַמעס פּנים שווימט פֿאַרביי,
שווימט אַוועק
אויף קאַלטע און טונקעלע וואַסערן.

פארן שפּיגל

וויפל פרויען האָבן שוין דערזען די ערשטע גרויע האָר
אין די קאַלטע אויגן פון דעם שפּיגל?
עס ענדיקט זיך דער חלום,
מיר טרעטן אַריין אין דער וואָר.
און אפשר פאַרקערט?
די וועלט ווערט קלאָר און ווייס.
דאָס וואַסער ווערט געפרוירן.
אַ בלוי שטיק אייז
ווערט אונדזער שיף.
מיר ציען אויס די הענט צו רויטע האָריזאָנטן.

און אַזוי ווי אונדזערע שוועסטערן
אין דער טיפעניש פון ים,
די מעדוזן,
לויכטן און באַלויכטן זיך אַליין דעם וועג,
אַזוי וועלן מיר שוין דאָ אויף דער אויבערפלאַך
דורך נעכט,
דורך טעג
לויכטן און באַלויכטן זיך דעם וועג.

הארבסטיקע וועגן

צום אָנדענק פון ה. ל. זשיטניצקי.

זע מיך,
קוק אויף מיר,
נעם מיך מיט —
בעט דער שטיין אויף פּאַרטאָגיקע וועגן,
דאָס פעלד
און דאָס גראָז,
די אָרעמע הייזלעך אין שלאָף,
די וואַסערן,
דער וואָלקן,
דער הימל,
די רויטע פּיס פון דעם פאַסטעך,
דער זשוראַוו איבערן טונקעלן ברונעם.
זע מיך,
קוק אויף מיר,
נעם מיך מיט —
בעט דער שטיין אויף פּאַרטאָגיקע וועגן.
פאָר איך פאַרביי,
פאָר פאַרביי
און בעט מיט די אויגן אויף שניי.
איך טרינק מיט די ברעמען דעם רעגן.
וואָס גייט איבער האַרבסטיקע וועגן.

האַרבסט

עס קומען איצט די רעגנדיקע טעג,
די קאַרטאָפל האָט מען שוין
אויסגעגראָבן אין פעלד.
עס פאַלט אַראָפ דער לעצטער בלאַט.
דער בוים שטייט נאַקעט
און גרייט
פאַרן ווינט.
מענטש! אויב דו האָסט אַ היים,
וועסטו פאַרקלעפן דיינע פענצטער
מיט קיט און מיט ליים.
און אין די אָוונטן וועסטו אָנצינדן אַ לאָמפּ.

און ווער עס האָט נישט קיין היים,
דער וועט ברייטער עפענען די אויגן.
דער וועט מיטגיין מיט די וואָלקנס
פון לאַנד צו לאַנד
מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער
און מיט אַ ביינערדיקער האַנט —
ווער עס האָט נישט קיין היים.

רעגן

איך ווייס נישט וואָס עס טראַכטן
פערד אין אַ רעגן –
פערד איינגעשפּאַנטע
אין שווערע וועגן.
נאָר איך –
איך וואָלט ליגן אויף אָט די וועגן,
אויף אָט די וועגן ביינאַכט אין אַ רעגן.
און ווערן געשלעפּט פון נאַסע פערד
איבער דער גרויער און שטילער ערד.

גנבים

פאַרנאַכט,
צווישן זיבן און אַכט,
קומען גנבים אין גרויסע שטעט
צו טונקעלע טירן
און צערייסן
מיט בלייכע פינגער
דאָס שפינוועבס.
רעגנט פאַרנאַכט
צווישן זיבן און אַכט
און איך גיי,
צוויי שטובן פאַרביי
אין גרויסן בין־השמשות
צו אַ טונקעלער טיר —
האָבן גנבים נישט געעפנט די טיר?
גענומען מיין מאנטל,
גענומען די שיך
און געלאָזן אַ נאַקעטע
און אַ באָרוועסע מיך?
נאָר די טיר איז צו.
די טיר איז פאַרמאַכט.
אין פאַרנאַכט,
צווישן זיבן און אַכט,
צעפראַל איך די טיר,
לויף אַרויס אויף די טרעפּ!
אין ליים און אין רעגן,
ווו האָט איר פאַרבלאָנדזשעט,
גנבים מיט טונקעלע אויגן?

לײדיקער פּאַרק

איך האָב אַרײַנגעקוקט
אין אַ לײדיקן פּאַרק.
אויף נאַסע בענק זענען בײמער געזעסן
און געקוקט אויפן רעגן,
און אויף די הינט,
און אויף די טויבן
מיט שווערע פליגל
בײַ דער ערד.

קרײַצן זיך אין מיר אַלײען
פון אַ לײדיקן פּאַרק.
בײמער זיצן אויף נאסע בענק.
זײ קוקן אויפן רעגן,
און אויף די הינט
און אויף די טויבן
מיט שווערע פליגל
בײַ דער ערד.

וווהין?

וווהין טשלאַפּעט די פרוי
אין די גרויסע מענערישע שיך?
דער רעגן גייט איר נאָך,
און איך נאָך זיי.
זי האָט אוודאי שוין אַ מאַן באַגראָבן
אין דער ערד.
דאָס טוך אויף איִרע אַקסלען
ציט זיך קרומלעך צו דער ערד,
און אפשר גאָר — אַ זון מיט רויטע האָר?
דער רויטער בלאַט וועט אַרויספליען
פון מיינע הענט,
און איך וועל וויינען
אויף יענעם בערגל,
וואָס טונקלט פון דער ווייטנס.

כ'האָב ליב די בערגלעך

כ'האָב ליב די בערגלעך —
זיי זענען עלטער פון מיר
מיט אַזויפיל נעכט,
מיט אַזויפיל נעכט.

כ'האָב ליב דעם טייך —
ער איז קליגער פון מיר
מיט אַזויפיל טעג,
מיט אַזויפיל טעג.

כ'האָב ליב דעם בוים —
ער איז ברייטער פון מיר
מיט אַזויפיל בלעטער,
מיט אַזויפיל בלעטער.

כ'האָב ליב דעם וואָלקן —
ער איז שווערער פון מיר
מיט אַזויפיל טרויער,
מיט אַזויפיל טרויער.

כ'האָב ליב דעם שטיין —
ער איז שטילער פון מיר
מיט אַזויפיל שווייגן,
מיט אַזויפיל שווייגן.

כ'האָב ליב דאָס זאַמד —
עס איז העלער פון מיר
מיט אַזויפיל ליכט,
מיט אַזויפיל ליכט.

מיין פעטער הערש

קומט מיין פעטער הערש
פון דאָרף צו גיין צו פוס,
ער איז געפרוירן ווי א פיען.
פאַטשט ער מיט די הענט,
קלאַפּט ער מיט די פיס.
פאַטשט און קלאַפּט
מיין גרויער, הויכער פעטער הערש.

ווערט וואַרעמער ביי אונדז אין שטוב.
ס'פאַרשמעקט מיט זשיווויצע,
מיט בלעטער.
דער פעטער טרינקט טיי,
די מאַמע רעדט.
רעדט מיט בלאָע אויגן אין פעטערס גרויער באָרד
אריין.

נאָר ס'וועט זיך נאָך עפענען די טיר!
עס וועט אַריין
דעם פעטערס שטומע טאָכטער,
פעסע,
מיט דער אויסגעקרימטער ליפּ —
אַ פריער דער ווינט,
דערנאָך זי —
מיט דער אויסגעקרימטער ליפּ.

5

פון בוך „לידער"

מערץ

ס'איז מערץ
דער אַכט און צוואַנציקסטער.
ס'איז כמאַרעדיק,
ס'איז שטיל.
צוויי קאַרשן-ביימלעך
האָבן זיך געפונען אויף אַ וואָגן
און אַרומגענומען.
— ווו וועט דער פויער זיי פאַרפלאַנצן
אויף דר'ערד ?
אין הימל ?
דער וועג צום הימל איז בלויער נאָך
פון פויערס אויגן.

אין יתומים־הויז

די שטובן זענען פול מיט לבנה.
איך וואַנדער פון שטוב צו שטוב
און מאַך פאַמעלעך צו די טירן.
די קינדער האָבן מורא,
די קינדער אין יתומים־הויז.
זיי לויפן נאָך מיט קליינע הענטלעך
נאָך מיין קלייד,
נאָך מיינע צעפּ.
און איך,
איך וועל עפענען דאָס פענצטער,
וועלן נאָכפלאַטערן
קינדערישע קעפּ,
און דערנאָך וועט ווידער ווערן
שטיל.

מאַמע

מאַמע,
דו האָסט פּייער געמאַכט.
האָסט פון דאַרע שטיקלעך האָלץ
צעבלאָזן אַ זון.
דו הערסט ווי מיינע האָר שויבערן.
אַ דאַנק, אַ דאַנק.
נאָר אין דרויסן ווייִנט נאָך אַלץ דער ווינט.
נעם אים, מאַמע, אין דיין שויס אַריין
און וויג אים איין.
דער ווינט, ער וועט דיר גלויבן
און, ווי אַ שעפּסל,
צומאַכן די אויגן.

מאך אויף די טיר

מאַך אויף די טיר!
כ׳האָב מורא.
צעעפן דאָס העמד אויף דיין ברוסט
און באַהאַלט מיין פנים.

זע,
אפילו די לבנה רייסט זיך פון איר זילבערנער קייט
און וויל אַנטלויפן פון די וואָלקנס.
מאַך אויף די טיר!

פאַרנאַכט

פאַרנאַכט וואָלט יעדער בלאַט
געוואָלט אַ פויגל זיין,
גיי איך אַרום מיט אַ קרוג אין דער האַנט
און קלויב זייערע טרערן אַריין.
אויפן טייך האָבן שאָטנס פון דיביימער
זיך ~~אויסגענומען~~ שוין ארומגענומען
און שטיל צונויפגעלייגט די קעפּ.
באַלד וועלן הינט זיך צעבילן
און אויפשניידן דאָס שווייגן
מיט לאַנגע מעסערס ביז צום הימל.
באַלד וועלן הינט זיך צעבילן —
ציטערט די קרוג אין מיין האַנט.

האַרבסט

די שויבן זענען פאַרלאָפן —
פון פרייד, אָדער פון טרויער?
אין פרימאָרגנדיקע נעפּלען פּאָרן זיך הינט,
שוואַרצע מיט ווייסע,
ווייסע מיט שוואַרצע.
אָרעם זענען די בעכער פון די לעצטע בלומען
אין מיין גאָרטן.
נאָר ס׳קומען בינען מיט גאָלדענע רוקנס
און שטופּן זיך,
שטופּן.
וואָס וויל דער קאָטער מיט די גרינע אויגן?
וועמענס סוד היט ער אָפּ
ביי אונדזער טיר?
מיר קוקן זיך אָן ביידע
טיף און לאַנג.
וואָלקנס איבער ברונעמער,
וואָלקנס.

און פאַרנאַכט —
שטייט אַ וואָגן,
שטייט אַ פערד
איינגעשפּאַנט.
איינגעטונקט אין זון זענען דעם פערדס פּאָדערשטע פיס,
א האַלבער בויך
און דאָס אונטערשטע ראָד פון וואָגן.
אין ליידיקן געסל טו איך אויס מיינע שיך
און נעם די לייצעס אין די הענט אַריין.

צו שפּעט

כ׳האָב נישט אויסגעהערט דעם רעגן
ביזן סוף.
כ׳בין איינגעשלאָפן.
און אַז כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט,
איז שוין געווען צו שפּעט.
די בענקלעך האָבן זיך געסודעט
מיטן טיש.
דער טיש –
כ׳קאָן שווערן –
ער האָט אַ וואָלקן אויפגעפּרעסן,
ער האָט די ליפּן אָפּגעווישט.
דער אויוון האָט הויך געכליפּעט
פאַר מיין לאַטש.
אין גאָרטן האָבן די בלעטער
אַראָפּגעהאָנגען שווערע קעפּ
אונטער די לעצטע טראָפּנס.
אומזיסט האָב איך זיך געבעטן,
געבעטן ביי דער ווערבע.
זי די אַלטע באָבעטשינע,
זי האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ.
אומזיסט געוואָרפן שטיינדעלעך
אין טייך.
– בול, – האָט עס געמאַכט:
– בול.
טרויעריק און באָרוועס לויף איך אַרום
אונטערן הימל.
– בול, – האָט עס געמאַכט:
בול.

אויף א וואלקן

אויף אַ וואָלקן
שווימט דיין קאָפּ אַוועק,
געדעמט אין צער.
איך צי זיך אויס אויף דער ברייט
פון די וועגן,
און די ווינטן יאָגן איבער מיר.
ווינטן, ווינטן,
וואַרט אַ ווײַלע!
די אַלטע ווערבע האָט זיך איינגעבויגן
איבערן טייך.
גאָט! פאַר וועמענס זינד
איז איר שאָטן
אַזוי איינגעהויקערט?

אפּגעריסן, אפּגעשליסן

אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן
שטייט אַ ייִנגל נעבן טייך.
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן
וואַרט אַ וואָלקן אויפֿן ייִנגל.
טו איך אויס דאָס נייַע קלייד מייַנס,
לאָז עס שווימען אויפֿן טייך,
נעם דאָס ייִנגל ביי אַ האַנט אָן,
און דעם וואָלקן ביי דער צווייטער
און די ווערבע,
און די ווערבע
לאָזן מיר אַליין ביים וועג.

יאנואר

זעקס הינט האָבן זיך געטראָפן
ביי איר טיר
און זיך צעוויינט.
זי וועט אַרויסקומען אָדער נישט?
דער ווייסער הינט
מיטן געלן פלעק אויפן רוקן
האָט זיך געזעצט אויף די הינטערשטע פיס
און ציטערט.
זיין דאַרער שאָטן ליגט אַ בלויער
נעבן אים אויפן שניי.
דער שוואַרצער הונט האָט געפונען אַ ביין,
נאָר זיינע אויערן פלאַטערן אין ווינט.
דער ברוינער הונט רירט זיך נישט
פון דער טיר.
דער פערטער,
דער פינפטער,
דער זעקסטער
האַלדז נעבן האַלדז.
די נאַכט איז העל.
די קאָרע אויף די ווערבעס
פּלאַצט.
אַלע שטערן זענען אויפן אָרט.
דורך דעם פאַרפרוירענעם טייך
גלאַנצן די גרינע אויגן פון דער דערטרונקענער.
זי וועט אַרויסקומען
אָדער נישט?

אַ קינד איז קראַנק

אַ קינד איז קראַנק.
בויגן בלומען די קעפּ אַראָפּ
שולדיק.
די טאָפּאָליע האָט אַרומגענומען מיט די הענט
דעם שטרויענעם דאַך
און קוקט זיך אויס די אַלטע אויגן
אויפן וועג.
ס׳איז פאַרטאָג דאָ אַדורכגעגאַנגען
אַ בעטלער
און דורכגעשניטן די נעפּלען מיט בלויע אויגן
און אפשר וואַרט זי אויף דעם ערשטן שטערן ?

די קוואָקע האָט אַרונטערגענומען אונטער די פליגלען
די פּופּצן געלע הינדעלעך
און פרי געמאַכט נאַכט.
די קאַץ ליגט איינגענורעט אין אַ קנויל אין ווינקל
און מרוטשעט, מרוטשעט,
און דאָס בענקל אויף דריי פיס
האָרכט און חלומט.

מיר פאָרן

די רעדער פון דעם וואָגן
לויפן רונד די לבנה אַרום.
די פוסטריט פון דעם פערד
מעסטן אויס חלומות.
מעסטן אויס חלומות,
פון צעשראָקענע בעריאָזעס,
וואָס זענען פון ווייכע היימען
אַנטלאָפן
אויף איינזאַמע וועגן.

שטיל.
איינגעשלאָפענע הינט.
פון אויפגעהויבענע זשוראַוון
טריפט די שטילקייט
אין טיפע ברונעמער אַראָפּ.
מיר פאָרן.
אויף אַ שוועל פון אַ פאַרלאָשענעם הייזל
שטייט אַ פרוי
אומבאַוועגלעך, ווייס.
מיר פאָרן.
מיר פירן אַוועק
דאָס האַרץ פון דער שטילער פרוי.

ביים טייך

גרין איז דער טייך.
און ווו ענדיקט ער זיך?
מיינע שיך ווארטן ביים ברעג.
און אפשר זענען דאס פייגל?
אין וואסער פלאפלען די פיש,
א וואלקן כאכערט אין ווינט,
און אפשר זענען דאס פייגל?
אין וואסער פלאפלען די פיש,
א וואלקן כאכערט אין ווינט...

די לעצטע שטיקער זון

אַ גרויער זאַק אַ פולער
אויף אַ פרויען פלייצע
הוידעט זיך דער פאַרנאַכט,
הוידעט זיך דורך וואַלד.
דאָס רויטע טיכל אויפן טיף געבויגענעם פרויען־קאָפּ
ברענט, ברענט.
און ווייסע באָרוועסע פרויען־פיס
טראָגן אין דער נאַכט אַוועק
די לעצטע שטיקער זון.

6

פון וויפל היימען

פון וויפל היימען

פון וויפל היימען האָט מען אונדז שוין אויסגעריסן
און געבליבן הפקרע
זיינען אונדזערע פיר ווענט!
דורך אַלע צייטן
באַגלייט מיך דאָס געוויין
פון אונדזערע הפקרע פיר ווענט.
אַ האַמער וועקט די בענקשאַפט אויף.
אַ מענטש קלאַפּט אריין אַ נאָגל
אין זיין נייער היים.
עס שמעקט דאָס פרישע האָלץ.
ס׳איז זיס דער אָוונטיקער וואָלקן,
נאָר אין מיר וויינט
וואָיעט טיף דער וואָגל.
פון אַלע וויסטעענישן וועט קומען דאָ די נאַכט
און וואַרעמען מיט איר לייב
די נייע שוועל.
ביז אויפגיין וועט אין מזרח זייט
אַ ווייכער שטראַל
און דער מענטש וועט אויפוואַכן
און זען, אַז ס׳איז העל...

— — — — — — — — — — — —

פון וויפל היימען האָט מען אונז שוין אויסגעריסן
און געבליבן וויסט איז אונדזער שוועל!

געשפּאָלטן האָט זיך די שטילקייט

איך קאָן דיך נישט פאַרהיטן, מיין קינד,
פון שלעכטע חלומות.
צי טאָר איך דען פאַרשטעלן דעם וועג
פאַר דורות,
וואָס וויינען אַריין אין דיין חלום?
דיין בעטל — אַ הילצערן שיפל
אויף שוואַרצע כוואַליעס פון האַס —
איך ריר אָן מיט די ליפּן דיין קעפּל,
ס'איז דוכט זיך שטיל אינדרויסן די גאַס?
נאָר ניין!
געשפּאָלטן האָט זיך די שטילקייט,
אונדזער בלוט שרייט ווי דער ים!
יאָרטויזנטער ברענען מיר — דער דאָרן —
און ווערן נישט פאַרצערט פון דעם פלאַם.

דער פאַרנאַכט

דער פאַרנאַכט וועט מיך מער נישט אַהיימפירן
צו דער מאַמעס טיר.
מעגן אַלע שטערן זיך אויסשטעלן אין אַ ראָד.
ווו איך זאָל נישט ווענדן מיינע טריט —
לײדיקער שטח
וואַרט אויף מיר.
דער ווינט וועט נישט ברענגען
קיין היימיש קול
צו מיין אויער.
וויג מיך, וויג מיך
טרויער.

אין וואלד

איך חייס נישט וואָס איז העלער,
דאָס זאַמד
אָדער די פייגל.
אַ טרוקן צווייגל
קנאַקט אין מיינע פינגער.
ס'איז שטיל אין וואַלד.
נאָר דער ווינט בלאָנדזשעט אַרום
איבער די שפּיצן פון ביימער
און זוכט
זיין פאַרלוירענע היים.

אינהאלט:

1. יידישע אויגן

	זייט
מיינע יידישע אויגן	5
גאָט האָט באַהאַלטן זיין פּנים	7
פון אַ וואָלקן	8
אַ יידיש קינד	9
מיין שוועסטער חנה	10
ס׳איז בלייך געוואָרן דאָס גראָז	11
צו מיין קינד	12
האַרבסט	14
ווייט, ווייט איז דאָס שטעטל	15
לידער פון מיין היים	16
אינמיטן דער וועלט	19
מיר לעבן ווייטער	20
אַ שטיקל ערד	21
אינדערפרעמד	22
דאָ האָבן דייטשן געלעבט	23
ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא	25
די פידל	26

2. רויטע שטערן

וואַרשע 1939	27
מאַמעס	29
דאָרט ווו די סוויאגע	30
שטילע שינעלן	31
אַסטראַכאַנער נעכט	32
מיין קינד	33
טאַניע	34
וויינט אַ פרוי	36
צו אַ רוסישער באַבושקע	37
רויטע שטערן	38
שנייען	40
און אַז עס פאַלט אונדזערס אַ שטאָט	42
דער טאָסט	43
דאָס ליד פון די שניטעד	44

3. ביבליש

	זייט
הגר אין מדבר	45
ביבלישע נאַכט	46
יצחקס ברכה	47
יוסף	48
דער נביא און דער רעגן	49
שמשון	51
דער וואַגאַבונד	52

4. צו לויטערע ברעגן

תפילה	53
אין חלום בין איך אַמאָל שוין דאָ געגאַנגען	54
וועל איך זיין גרייט	55
דיכטער	56
בערג	58
ס׳איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי	59
ס׳איז געווען	60
פּאַפּירענע בלומען	61
איך הער נישט וואָס דו רעדסט	62
עס רופט אַ ווייטע האַנט מיך	62
אַן אַלטע פרוי פירט אַ יונגן הונט	63
אָקטאָבער	64
אַז ס׳איז מיר קאַלט	65
פאַרן שפיגל	66
האַרבסטיקע וועגן	67
האַרבסט	68
רעגן	69
גנבים	70
ליידיקער פּאַרק	71
ווּהין	72
כ׳האָב ליב די בערגלעך	73
מיין פעטער הערש	74

5. פון בוך „לידער"

	זייט
מערץ	75
אין יתומים־הויז	76
מאַמע	77
מאַך אויף די טיר	78
פאַרנאַכט	79
האַרבסט	80
צו שפּעט	81
אויף אַ וואָלקן	82
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן	83
יאַנואַר	84
אַ קינד איז קראַנק	85
מיר פאָרן	86
ביים טייך	87
די לעצטע שטיקער זון	88

6. פון ווײפּל הײמען

	זייט
פון ווײפּל הײמען	89
געשפּאָלטן האָט זיך די שטילקייט	90
דער פאַרנאַכט	91
אין וואַלד	92

פון זעלבן מחבר דערשינען:

לידער

ביבליאָטעק פון יידישן פּ.ע.נ.־קלוב, וואַרשע, 1936.

דער רעגן זינגט (לידער)

ביבליאָטעק פון יידישן פּ.ע.נ.־קלוב, וואַרשע, 1939.

ביכער פון פאַרלאַג „יידיש־בוך" ביים צ. ק. פון יידן אין פּוילן:

1) „מלכות געטאָ", — נאָוועלן פון י. שפּיגל.
2) „דער מענטש וועט גוט זיין" — משלים פון ל. אָליצקי.
3) „מיט אַש אויפן קאָפּ" — לידער פון א. זאַק.
4) „אויף די חורבות" – פּאָעמע פון ח. גראַדע.
5) „אַ בוים אין ווינט", – דערציילונגען פון י. אָקרוטני.
6) „מלך שאול" — ביבלישע טראַגעדיע פון י. אַשנדאָרף.
7) „יידן אָן געלע לאַטעס" — סקיצן פון ה. סמאָליאַר.
8) „צו לוויטערע ברעגן" — לידער פון ר. זשיכלינסקי.

אין פאריר

תיקון־טעות:

אויף זייט 8 שורה 12 שטייט:
דער הימל לויכט מיט בלויע טרערן
דאַרף זיין:
דער הימל לויכט מיט בלויע טויערן.

אויף זייט 12 שורה 12 שטייט:
– קינד, דאָס בלוט אין דיינע אָדערן איז ריינער זאַפט
דאַרף זיין:
– קינד, דאָס בלוט אין דיינע אָדערן איז רייפער זאַפט

אויף זייט 18 דאַרף די ציפער 3 זיך געפינען פאַר דער שורה: „ווער רופט מיך דאָ אויפן פעלד״.

אויף זייט 21 שורה 7 שטייט:
הינטער פענצטער
דאַרף זיין:
הינטערן פענצטער

אויף זייט 31 אין דעם ליד „שטילע שינעלן״, נאָך דער דריטער שורה, פעלט די שורה:
שינעלן פאַרברענטע

אין דעם זעלביקן ליד שורה 10 שטייט:
אין יעדער גאַס – אַ שלאַכט
דאַרף זיין:
יעדע גאַס איז אַ שלאַכט

אויף זייט 39 שורה 10 שטייט:
דער רויטער הימל צעברענט
דאַרף זיין:
דער רויטער הימל דערברענט

אויף זייט 42 שורה 11 שטייט:
אַ קילע באַק צו מאַמעס שויס
דאַרף זיין:
אַ קילע באַק צו אַ מאַמעס שויס

אויף זייט 46 שורה 20 שטייט:
מיט ריח פון יענע בלומען
דאַרף זיין:
מיטן ריח פון יענע בלומען

אויף זייט 62 שורה 8 שטייט:
אַ לייכט־טורעם פאר ווייסע שטערן
דאַרף זיין:
אַ לייכט־טורעם פאַר ווייסע שטערן

אויף זייט 70 דאַרף זיך איבערחזרן די 10־טע שורה:
און איך גיי

אויף זייט 74 שורה 3 שטייט:
ער איז געפרוירן ווי אַ פיען
דאַרף זיין:
איז ער געפרוירן ווי אַ פיען

אויף זייט 79 שורה 6 שטייט:
זיך אויסגענומען שוין
דאַרף זיין:
זיך אַרומגענומען שוין

הילע געצייכנט פון א. מושקא.

רעדאַקציע פון פאַרלאַג:
ל. אָליצקי און ד. ספאַרד

אידישע פאָלקס ביבליאָטעק
Montreal
JEWISH PUBLIC LIBRARY

B 1949
MAR 2 2 1952
20'72

פרייז 100 זל.

U815/16.

Druk. C. K. Ż. w P. Warszawa, Tłomackie 5.?B-61203